Anny 12

„Radomer-Kielcer Leben" 16 (306) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" יעהרגאנג VII-טער פרייז 25 גראשען

# ראדאמער-קעלצער לעבען

היינט 8 זייטען.

Radom, Piątek 25 Kwietnia 1930 r.

ראדאם, פרייטאג כ״ז ניסן תר״ץ

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען - פרייז:
אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
אין " 60 "
נאכ'ן " 25 "
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאלטען 8 שפאלטען
אין טעקסט 4 "

צו דער פערלאבונג פון אונזער זוהן
מאניעק מיט פרל. רוזשא שטראסבערג
ווינשען א גליקליכע ציקונפט.
עלטערן, שוועסטער און ברידער
טענענבוים.

Rózia Strosberżanka
Kielce
Mojżess Tenenbaum
Skarżysko
**Zaręczeni**
17 Kwietnia 1930 r.

צו דער פערלאבונג פון אונזער טאכטער
רוזשא מיט ה' מאניעק טענענבוים
ווינשען פיל גליק און צופרידענהייט.
עלטערן, ברידער און שוועסטער
שטראסבערג.

Koleżance
**Rózi Strosberżance**
z okazji Jej zaręczyn
z p. M. Tenenbaumem
składa życzenia szczęścia
i pomyślności.
*Leon Złoto* Kielce.

Serdeczne życzenia składamy
naszemu klijentowi
p. **Samulowi Strosbergowi**
i Rodzinie
z okazji zaręczyn Ich Sz. Córki
**Rózi**
z p. M. Tenenbaumem.
Firma „WENECJA"
w Kielcach.

BANK SPÓŁDZIELCZY
KUPCÓW i PRZEMYSŁOWCÓW
— z ogr. odp. —
w RADOMIU, ul. Żeromskiego 9
(Warszawska 6).

מיר מאכען בעקאנט דאס ג. פובליקום, דאס לויט'ן בעשלוס פון דער אלגעמיינער פערזאמלונג, וועלכע איז פארגעקומען דעם 17 מערץ און לויט דער בעשטעטיגונג פון קרייז - געריכט פון 26/3 האט אונזער קאאפעראטיוו געענדערט זיין פירמע פון Kupiecka Spółdzielnia Kredytowa

— אויף —

BANK SPÓŁDZIELCZY
KUPCÓW i PRZEMYSŁOWCÓW

גלייכצייטיג טיילען מיר מיט. דאס אינקאסאס אויף פאלגענדע שטעדט ווי: ווארשא, לאדז, קראקא, לעמבערג, זוואלין, שידלאוויעץ און קעלץ, רעכענען מיר פאר אינקאסא 1 זל. פאר שטיק.
די שמעטישע אינקאסאס ווערען אין זעלבען טאג פון איינפליסען אויסגעצאלט.
אלע באנק-אפעראציעס ווערען ערלעדיגט פינקטליך און רעיעל.

מיט אכטונג
BANK SPÓŁDZIELCZY
Kupców i Przemysłowców
z odp. ogr.
w RADOMIU,
ul. Żeromskiego 9. (Warszawska 6)

## א ווילע אויף ארענדע

א ווילע פון 22 שטובען מיט א עס-צימער און קיך
## איבערצוגעבען אויף דזיערזאוויע
די ווילע געפינט זיך אין א גוט-קלימאטישער געגענד. אלע צימערן זענען שעהן און זוניגע און געפינען זיך אין וואלד.
די ווילע איז אין דאמבראוו נעבען שידלאווצע.
גענויע אינפארמאציעס ביי ד״ר צונג, ראדאם, לובלינער 33.

## בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט, אז מיין לאנג-עקזיסטירענד געשעפט
פון מאניפאקטור ווי אויך צודאטען פאר אבוויניקעס און שניידער.
איז פון 1 קויעציען ה. י. פאר די בעוועמליכקייטען פון דער ג. קליענטעליע איבערגעטראגען געווארען פון רווינסקא 21
אויף רווינסקא 2 ראג רינעק (פראנט-געוועלב)
מיט אכטונג שמואל ראזענבערג ראדאם.

SPRZEDAŻ SUKNA i KORTÓW
# I. ZALCMAN i I. SZ. RECHTMAN
**RWAŃSKA 19 FRONT I-e piętro**

מאכט בעקאנט דאס אונזער ניי געעפענט געשעפט פון טוך און קארט
איז פערזעהן מיט א רייכען אויסוואהל טאמאשאווער, ביליצער און לאדזער סחורות
באמערקונג: אויסגעצוימטן ביליגע פרייזען אין גוטע בעדינגונגען.

מיט אכטונג
זאלצמאן עט רעכטמאן
ראדאם, רווינסקא 19.

# די קאַלקולאַציע אין דער זעזאָניע פון פּאַדאַטעק דאָכאָדאָווי.

פאַר די סוחרים, וואָס דאַרפען איצט דערלאַנגען זעזאָניעס, וועגען איינקונפט-שטייער, איז עס פון דער גרעסטער וויכטיגקייט צו זיין אויפמערקזאַם אויף דער קאַלקולאַציע פון איינקונפט.

מען זאָל נישט שרייבען אין דער זעזאָניע סתם די סומע פון איינקונפט, נור מען זאָל אָבגעבען א קאַלקולאַציע פון איינקונפט, פון וואַנען און אויף וועלכען וועג עס האָט זיך גענומען דער איינקונפט.

יעדער סוחר זאָל אין דער זעזאָניע אויפגעבען אויספיהרליכער וויפיל פראָצענט ער האָט געהאַט ריוח פון זיין אומזאָץ. אזוי ווי אין יעדער בראַנזשע איז נישט פאַרהאַן קיין איינהייטליכער פערדינסט, פאַרהאַן טייל ארטיקלען, ביי וועלכע מען פערדינט 10 פראָצענט, פון אַנדערע ארטיקלען אין דער זעלבער בראַנזשע פערדינט מען ניט מעהר ווי 5 פראָצענט און פון נאָך אַנדערע ווייניגער. זאָל מען דעריבער דעם אומזאָץ איינטיילען לויט די גרופען פון ריוח. דערביי זאָל מען אויפגעבען דעם אַלגעמיינעם נאָמען פון די גרופען-סחורה אין דעם ריוח.

למשל א מאַנופאַקטור-סוחר: געהאַט 100 טויזענד זל. אומזאָץ, דערפון פון ביינוועל-סחורה 60 טויזענד זל. מיט א ריוח פון 10 פּראָצענט, איינקונפט 6000 זל. און 40 טויזענד זל. פון ווייסוואַרג מיט ריוח פון 5 פּראָצענט מיט איינקונפט 3 טויזענד זל. צוזאַמען 9 טויזענד זל. ריוח.

און אזוי דאַרף מען אייפגעבען אין אַלע בראַנזשעס.

דאָס אויפנעמען די קאַלקולאַציע פון איינקופט האָט א קאָלאָסאַלע בעדייטונג די שאַצונגס-קאָמיסיע קען דאָס נישט אזוי לייכט אָפּוואַרפען אָהן מאָטיווען, און א דאַנק דעם קען מען זיך מיט ערפאָלג פערטיידיגן.

---

# א ווייב און א וועקסעל ווערען נישט פערלוירען.

## א „פרעהליכער" גרוס פון זיין „צניעה'דיג" ווייבעל.

חי אין אַלע שטעדט, געפינען זיך אויך אין ראַדאָם מענשען, וואָס בעלעקען זיך פשוט פון א פעט סענסאַציעלע. מאַכט זיך א מאָהל א געשיכטעלע, א מעשה'לע, א פליאָטקעלע, לעבען זיי אויף אָט די ליבע מענשעלעך און זעגען זיך מחיה נפשות. נישט גענוג, וואָס זיי אליין האָבען דערפון שטאַרק הנאה, נאָר זיי זענען אין דעם פאַל אויך דעמאָקראַטען און טיילען זייער גענוס אויף „העלפט-אויף העלפט" מיט זייערע בעקאַנטע און גוטע פריינד.

אָט דערצעהלען די דאָזיגע סענסאַציע-לעכצענדע מענשען וועגען אן אויסערגעוועהנליך פּיקאַנטע געשיכטע, וואָס זאָל האָבען די טעג פּאַסירט אין ראַדאָם.

אויף איינער — אזוי הויבט זיך אָן די מעשה — פון די בעקאַנטע ראַדאָמער גאַסען וואוינען אין שכנות צוויי גוטע פריינד (זייערע נעמען ברענגען מיר נישט צוליב פערשטענדליכע טעמים) וועלכע פיהרען בשותפות צווישען זיך א מסחר.

ביידע שותפים זענען חתונה געהאַטע. אין דער צייט אָבער ווען די פרוי פון איינעם פלעגט אָבגעבען איהר גאַנצע צייט דער בעל-הבית'ישקייט, פלעגט די צווייטע פערברענגען בעסער א גוטען טאָג.

די טעג איז די לעצטע ערגיץ אַרויס פון שטוב און זיך לאַנג נישט צוריקגעקעהרט.

דער מאַן זעהט, אז ס'ווערט שוין שפעט. דער זייגער איז שוין 11, האַלב 12, 12 און זיין פרוי איז נאָך אַלץ נישטאָ.

ויך נישט קענענדיג דערוואַרטען אויף זיין ווייבעל האָט זיך ענדליך דער מאַן געלעגט שלאָפען.

ארום איינס בייַנאַכט איז דער מאַן פלוצלינג אויפגעוועקט געוואָרען פון שלאָף דורך א קלונג אין גלעקעל פון טהיר. געמיינט, אז דאָס איז זיין פרוי, איז דער מאַן א פרעהליכער געגאַנגען עפענען.

ווי סערווינדערט איז ער אָבער געוואָרען, אז אנשטאַט זיין פרוי האָט ער אין טהיר דערזעהן פאַר זיך א פּאָליציאַנט.

דער לעצטער האָט זיך גלייך ענטשולדיגט, וואָס ער האָט איהם אויפגעוועקט פון שלאָף און האָט איהם א פרעג געטוהן, צי וויס ער נישט וואו איז זיין פרוי?

א דערשראָקענער האָט דער מאַן געענטפערט, אז ער וואַרט דאָס טאַקע אויף זיין פרוי און איז טאַקע בעאומרוהיגט, וואָס זי איז נאָך אַלץ נישטאָ.

בקיצור דער פּאָליציאַנט האָט בערוהיגט דעם מאַן, אז זיין פרוי געפינט זיך איצט אין פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט, וואו ער ווערט געבעטען זיך אויך מטריח זיין אהין.

זיך אָנגעטוהן אין איילעניש און באַלד איז דער מאַן שוין אויך געווען אין קאָמיסאַריאַט.

אריינגעקומען אהין האָט ער דערזעהן, אז זיין פּלונית'טע זיצט אויף א באַנק א בלאַסע און א פערוויינטע און לעבען איהר זיצט מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען עפּעס א יונגערמאַן.

— איז דאָס אייער פרוי — ווענדעט זיך צו איהם דער דיזשורנער פּאָליציי-פשאָדאָווניק.

— אוודאי מיינע — ענטפערט דער איבעראַשטער מאַן.

און דאָ — גיבען איבער די מעשה-דערצעהלער — האָט זיך אויפגעקלערט אָט וואָס:

יענע נאַכט זאָל האָבען די פּאָליציי אדורכגעפיהרט א רעוויזיע אין א געוויסען פערדעכטיגען הויז און בעת דער רעוויזיע איז דאָס פערהאַלטען געוואָרען זיין פרוי מיט'ן יונגערמאַן, מחמת זיי האָבען נישט געהאַט ביי זיך קיין דאָקומענטען.

דערהערענדיג אזא מעשה האָט זיך שוין דער יונגערמאַן ענטזאַגט אָבצונעמען זיין ווייבעל צו זיך אהיים און איצט וואוינט זי ביי איהרס א קרוב'טע און ווי מען שמועסט זאָל אינגיכען די גאַנצע געשיכטע געפינען איהר עפּילאָג אין ראַדאָמער בית-דין-שטיבל מכח א גט.

צי די מעשה איז גאַנצע הונדערט פּראָצענט אמת, צי נישט, דאָס קאָן קיינער נישט גאַראַנטירען. די וואָס דערצעהלען דאָס, פערזיכערען, אז מ'קאָן זיי גלויבען אויפ'ן וואָרט.


**Za bezcen**



**PEPEGE**

DETALICZNIE

**Obuwie Ludowe**
z przyszzwaną podeszwą,
na obcasie, Nr. 35 do 41 . . . zł. 4,60

**Obuwie Sportowe**
z przyklejoną czarną podeszwą,
i wysoką tylną obsadą
Nr. 35 do 41 . . . . . zł. 6,—

*Żądajcie wszędzie*
*tylko marki „Pepege"*
*z podkową*

PEPEGE
MARKA FABR.



# מ'דארף נישט טוישען די צעווקעס!

**NOWA "TRÓJKA" PHILIPSA**

אין פיליפס פערבעסערטער „טראויקע" איז איינגעשטעלט · אנשטאט דער בעשווערטער אויסטוישונג פון די צעווקעס—א שליסעל אויף קורצע און לאנגע פאלעס. דער אפנעמער איז פערזעהען מיט לאמפען פון פיליפס גאלדענער סעריע ריינע, זיכערע, שטארקע אויפנאמע

**דער פרייז פון „Trójka" צוזאמען מיט'ן הילכער 2016—399 זל.**

## צו בעקומען אין אלע ראדיא-געשעפטען

פאדערט א ניט פערפליכטענדיגע דעמאנסטראציע ביי זיך אין הויז—גענויע פראספעקטען שיקן אויף פערלאנג אומזיסט

**Polskie Zakłady PHILIPS S. A.** WARSZAWA, Karolkowa 36/44,


ווי אויך צוליב ן רעאליזירען פון צעכן-געזעץ און די ארבייט פון די האנדווערקער-קאמער, וועלכע לאזען שוין שטארק פיהלען דעם האנדווערקער אין פיל היגזיכטען. און נאך שווערע פרובען וואס דער תאנדה. דארפען אויסהאלטען ספעציעל ביי די עגזאמענס.

נאכ'ן פארליינען דעם קאסע בעריכט שטעלט דער פארזיצענדער די בעריכטען צו דער אבשטימונג, וועלכע ווערען איינשטימיג אנגענומען.

צוליב די שפעטע צייט אין אויפ'ן פארשלאג פון פארזיץ. איינינע פונקטען פון טאג-ארדנונג אראבגענומען געווארען און מען האט אויסגעוועהלט א קאמיסיע פון 5 פערזאהן, וועלכע האט פארגעשטעלט פאר די פערזאמעלטע א קאנדידאטען-ליסטע צו די פערוואלטונג און פערטרעטער, ווי אויך צום שיעד'ס-געריכט, וועלכע איז אויך איינשטימיג אנגענומען געווארען.

אין דער פערוואלטונג געהען אריין די ח"ה, וועלכע האבען זיך קאנסטיטוירט אויף פאלגענדען אופן: פרעזעס פון ה.-קלוב ח.-פר. פון שטאדט-ראט— מ. קאפליאר, וויצע-פרעזעס — ראזמאן ח. קארמאן, סעקרעטאר—דיר. י. קאפאי, קאסיר—לייב האנאהער. פערוואלטערס: חיל'קע גאלדבערג און אברהם ווייני-טרויב. ביבליאטעקארען: ח. גרינבערג, י. ד. סטראחשינסקי, א. האן, ב. האכמאן, ש. מיירעלבוים, ל. מילמאן, מ. ראזענבוים. קאנדידאטען: י. ד. סטראחשינסקי, ח. בוימאן, י. ווייגגארט, ה. מענדעלזאהן, משה ווערבער, מ. ראזענבוים. אין די רעוויזיאנס-קאמיסיע זענען געוועהלט געווארען: בערקאוויטש ש. ח., לצוין ג., ח. י. ראזבליאט. קאנדידאטען: ס. ציממערמאן, קויפמאן ב. און י. לישקיעוויטש.

סעקר. ש. סטראחשינסקי.

## ראדאמער העברעאישער לעהרער א מחבר פון ווערק.

ס'איז ערהאלטען געווארען אין אונזער רעדאקציע א ספר, וואס איז נאר וואס ערשינען א. נ. „החגים והצומות" פון היגען בעקאנטען העברעאישען לעהרער יחיאל יוסף בארענשטיין. דאס ספר איז געווידמעט די יודישע ימים-טובים, זייערע דינים, מנהגים, בעלויכטען לויט די מקורים פון דער יודישער געשיכטע און טראדיציעס.

אין ספר „חגים וחצומות" האט דער מחבר זיך בעמיהט אויף א לייכטען און צוגענגליכען אופן אויפצוקלערען בקיצור פאר קינדער און יוגענד דעם היסטארישען בעדייט פון יעדען יום-טוב. די העברעאישע שפראך איז פליסיג, קלאר און געפינטעלט מיט נקודות אזוי. אז ס'איז פערשטענדליך פאר יעדען. דאס ספר האט א בעזונדערען ווערטה פאר שולען און חדרים.

דער זעלבער מחבר האט אויך פארגעשטעלט פאר אונז א מאנוסקריפט, אין וועלכען ס'איז איבערגעזעצט אויף יודיש אלע זמירות פון שבת און פערשידענע תפילות ווי: קבלת-שבת, ויתן לך, קדוש לבנה, שיר השירים, ברכי נפשי, ווי אויך א שעהנעם פירוש אויף „במה מדליקין", „פרקי אבות", די תפילות פון מנחה לערב שבת, מעריב לליל שבת, בענטשען א. א.

## פון ברית טרומפעלדאר.

קאמוניקאט.

דערמיט מעלדען מיר, אז מיט'ן ערהאלטען די אינסטרומענטען ווערט היינט דער בעגייט די ארקעסטער-רינג.

נישט גרינג איז אונז אנגעקומען צו רעאליזירען דעם פלאן פון שאפען אין ראדאם א יודישען ארקעסטער. אמת, מיר האבען געשאפען געלד, אונזערע סימפאטיקער האבען מיטגעהאלפען, אבער וואס בעדייט א סומע פון 529 זל. נעגען דעם בעטרעף פון 4,500 זל. פאר די אינסטרומענטען. דעריבער ווענדען מיר זיך צו דער יודישער בעפעלקערונג אין ראדאם, וועלכע וועט זיכער פערשטעהן און אבשאצען דעם גרויסען ווערט פון א יודישען ארקעסטער און וועט בתם לב שפענדען די נויטיגע סומען, זייענדיג בייהילפיג ביים פערווירקליכען דעם איינציגען יודישען ארקעסטער אין ראדאם.


# וויכטיג נייעס

**פאר אבות. און שוסטער-בראנזשע!**

אנשטאט אין האנד נעם איך אן צו נייען קעדרעס מיט זייד, אויף א ספעציעלע מאשין
— שנעל, שעהן, ביליג. —
קומט איבערצייגט אייך!

## ביי: מ. רינגערמאכער

לובלינער 3, ערשטער שטאק
פאבריק פון סאנדאלין.

ביים אויסארבייטען פאפירענע בייטלעך

# זענען נויטיג מיידלעך

מעלדען זיך ראדאם, וואהל 7
ש. זיידענבערג.


## פון רעוויזיאניסטען - פערבאנד.

קאמוניקאט.

זונטאג מ"י איז פארגעקומען א פערזאמלונג פון רעוויזיאניסטען-פעראיין אויף וועלכער עס זענען בעריהרט געווארען פערשידענע ענינים, וואס זענען שייך דער ארגאניזאציע. ס'האבען גענומען דאס ווארט ח' ראזענפעלד, וואס איז צוריקגעקומען פון דער ראיאן-קאנפערענץ אין קעלץ, ווי אויך די ח"ח פאווע, ריישער און מרגליות. דעם 27|IV 7.30 אווענד קומט פאר א אלגעמיינע פערזאמלונג, אויף וועלכער ס'וועט אבגעגעבען א דין-וחשבון ח' ראזענפעלד פון דער קעלצער קאנפערענץ. עס וועלען אויך ווערען בעריהרט אייניגע ענינים, וואס זענען זעהר דרינגענד.

ס'ווערט אויפגעפאדערט אלע חברים אונבעדינגט צו קומען אין דער בעשטימטער שעה אויף דער פערזאמלונג.

פרעזעס: א. רוזנפלד

מזכיר: ח. טייכמאן.


Biuro Prośb i Podań

p. f. **„PROLITEX"**

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna 1-sze piętro.

ZAŁATWIA:

Sprawy paszportowe
Mieszkaniowe
Wszelkie Tłomaczenie
i inne.

Redaguje Podania:

Do Władz Sądowych
Skarbowych
Administracyjnych
i Wojskowych.

Windykacja należności w całej Polsce.

**Informacje o zdolności kredytowej**

**Przepisywanie na maszynach.**

Biuro czynne: od godz. 9-ej rano do 7-ej wieczór.

# קעלצער אבטיילונג.

## די „סלאָוואָ" קאָן נישט פערטראגען, אז א יודישע פרוי זאָל האַלטען א בודקע אויף דער שענקעוויטש גאס.

א יוד א משעס צוזוהן איז שטענדיג און אלע מאָהל א מצוה גדולה ביי דער הייליגער „סלאָוואָ". א שאָד ביי איהר אדורכצולאָזען א געלעגענהייט. מעג זיין א שמרוי, כאפט זי זיך אויף אָן און מאכט א יעלה, אז ס'דראָהט א גרויסע סכנה.

אָט למשל האלט א יודישע פרוי אויף דער שענקעוויטש-גאס א בודקע פון פאפיראָסען און ציהט דערפון קוים איהר חיי-שעה. קאָן די „סלאָוואָ", די „היטערין" פון פוילען, נישט פערטראָגען אזא עולה גדולה און טייטעלט מיט די פינגער, אז דא און דאָ זיצט די „זשידובקא", וואָס בענעהט א גרויסען חטא. פערקויפענדיג פאפיראָסען. דערביי לאָזט די „סלאָוואָ" נעבעך ס'-לען א טרעהר און נעמט זיך אָן פאר די אינוואלידען, וועמען מ'דארף, לויט איהר מיינונג, אוועקגעבען די יודישע בודקע.

זאָל זיין פאפיראָסען, זאָל זיין אפילו דער רויך פון פאפיראָסען. אבי א יוד א ביס צו טוהן.

## גרויסער ערפאָלג פון שמעון באקמאן אין קעלץ.

סאראכטאגען איז דאָ פאָרגעקומען א קאָנצערט פון בעריהמטען יונגען פידעל-ווירטואָז שמעון באקמאן.

דער קאָנצערט איז דורך מיט גרויס ערפאָלג. דער קינסטלער האָט אויסגעפיהרט כמעט דעם גאנצען פראָגראם, וואָס מיר האָבען לעצטענס געהאט די געלעגענהייט צו הערען אין ראדאָם.

א גרויסע סענסאציע האָט ארויסגערופען דער פאקט, וואָס אויפ'ן קאָנצערט איז אנוועזענד געווען די ציוניסטישע צ. ק. מיט דעפוטאט גרינבוים בראש. דאָס פובליקום האָט דעם יונגען קינסטלער שטורמיש אפלאָדירט און איהם געצוואונגען צו ביסירען. אויך דעפ. גרינבוים איז נאָכ'ן קאָנצערט אריין צום קינסטלער אין גארדעראָב און איהם הארציג געדאנקט פאר זיין שעהן שפילען.

## שטארקע ענטוויקלונג פון דער קעלצער הויזווירטען-באנק.

די באנק פון הויזווירטען אין קעלץ, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען מיט איינינע יאָהר צוריק, האָט זיך לעצטענס שטארק ענטוויקעלט א דאנק דער געניטער ארבייט פון איהר דירעקטאָר ה' גאיערבערגער. די באנק צעהלט איצט זעהר א גרויסע צאָהל מיטגלידער, וואָס בעקומען צו יעדער צייט גרעסערע הלוואות. אויך האָט זיך דער גרונדקאפיטאל פון דער באנק פיעל פערגרעסערט. אין אלגעמיין האָט די דאָזיגע אינסטיטוציע צוליב איהר רעעלקייט בעקומען די סימפאטיע פון אלע שיכטען פון דער פוחרישער וועלט.

### פון רעדאקציע

דער בעריכט פון דער ציוניסטישער ראיאָן-קאָנפערענץ אין קעלץ האָט צוליב סבות פון אונז נישט אָבהענגיגע נישט געקענט אריין אין היינטיגען נומער און וועט ערשיינען אויספיהרליך אין נעכסטען נומער.

צו דער פערלאָבונג
פון פרל' העלא גאָלדבערג
מיט ה' מינץ (סאנדאָמיערזש)
ווינשען מיר פיעל גליק.
מ. זייפמאן און פרוי
קעלץ.

## א בריעף אין רעדאקציע.

חשוב'ער ה' רעדאקטאָר!

אין צוזאמענהאנג מיט'ן געדרוקטען בריעף פון ד"ר פעלץ אין נומער 14 פון אייער ח. צייטונג, האָב איך למען האמת פאָלגענדעס מיטצוטיילען:

1) די אונפערשטענדליכע האנדלונג פון ה' ד"ר פעלץ לגבי מיר, אלס געוועזענע פארזיצענדען פון „בית-יתומים" האָט ארויסגערופען ביי אלע אנוועזענדע אויף דעם חנוכת הבית די גרעסטע אונצופרידענהייט, און ביי א טייל פרעמדע דעלעגאטען זאָגאר שטארקע אויפרעגונג.

2) וואָס אנבעלאנגט מיין פארלאמענטארישע אויפפיהרונג, גלויב איך, אז דאָס איז געווען אין פולען הסכם מיט'ן „אונפארלאמענטאריזם" פון ה' ד"ר פעלץ

3) אמת טאקי, אז ה' פריידיגער ע"ה האָט מיט איינינע יאָהר צוריק געשאָנקען א פלאץ פאר דעם יתומים-הויז, אָבער יאָהרען-לאנג האָט קיינעם פון די אלע הייגטיגע „פערזאָרגער" נישט געאַרט, וואָס די יתומים האָבען זיך געפונען אין שרעקליכע אנטי-היגיעניגע בעדינגונגען, און וואָס די בעסטע וייערע יאָהרען פערברענגען די דאָזיגע קינדער אין די נאסע ווענד פון אלטען בית-יתומים-בנין, ערשט דאָן, ווען איך צוזאמען מיט ה' אייזענבערג האָבען אָבגעקויפט א פלאץ פון א געוויסען בזראנקיעוויטש, האָבען זיך ביי א טייל אָרטיגע בעלי-בתים ערוועקט די אמביציע צו שענקען א בנין פאר א יתומים-הויז.

4) נישט אמת איז די בעהויפטונג פון ד"ר פעלץ, אז מיט'ן איבערגעבען דורך מיר די לייטונג איז פערבליבען א גרויסע צאָהל חובות. גאָר פערקעהרט, ביים איבערנעמען די לייטונג האָב איך אָנגעטראָפען חובות, דאנעגען האָב איך איבערגעלאָזט אין קאסע ביי מיין אוועקגעהן קרוב 20 טויזענד זלאָטעס, איינשליסענדיג די 350 דאָלאר, וואָס דער „דזשאָינט"-דעלעגאט ה' חפץ האָט נאָך מיינע פיעל-מאָהליגע אינטערווענצען איבערגעגעבען דעם ה' ד"ר פעלץ.

איך געפון פאר נויטיג אונטערצושטרייכען, אז איך האָב נישט בדעה מעהר צו פאָלעמיזירען אין דעם ענין מיט ד"ר פעלץ, און אויף זיינע אָנפאלען אויף מיר אין דער פרעסע, וועל איך מעהר נישט ענטפערען.

מיט אכטונג

(—) ד"ר סטעפאַ שאַץ

געוו. פאָרז. פון בית-יתומים אין קעלץ.



# Aspirin

w tabletkach
środek uśmierzający bóle.
Wyjątkowo skuteczny
we wszelkiego rodzaju
zaziębieniach
i bólach reumatycznych.

Do nabycia we wszystkich aptekach.

SKŁAD

Sukna, kortów futer oraz magazyn ubiorów męskich

# M. BALICKIEGO

w Kielcach, ul. Kilińskiego № 9.

Posiada na składzie
wielki wybór towarów sezonowych
futra damskie, kożuszki zakopiańskie męskie i damskie oraz burki podróżne, kurtki skórzane, kołnierze futrzane i szyjki rożne.

Ceny Bardzo niskie. Warunki dogodne.

בצערה העמוק של משפחת צימערמאן למותו הפתאומי של אביהם

# ר' שלמה ז"ל

משתתף ומיחל שתמצה תנחומים בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

הבנק אודזיאלאווי בקילץ.

## אויפפאָדערונג.

איך פאָדער אויף דעם אידישען סוחרים פעראיין אין קעלץ, אבצורייניגען דעם לאָקאל וואָס איז פערנומען ביי מיר אין הויז סענקיעוויטש-גאסס № 19. ביז דעם 1-טען ליפיעץ ד. י. — נאָך אלע אנטערענונגען איז דער פעראיין ניט אימשטאנד צו צאהלען דירה-געלד. עס קומט מיר שוין פאר ערך א יאָהר צייט אין אלס אינסטיטוציע וואָס טראָגט אויף קיין פאל, קיין האראקטער פון א מוסד צדקה, מוז זיך רעכנען מיט איהר בודזשעט און קאָן ניט פערלאנגען פון קיין יחיד אומזאָנסטע וואהנונג. — דאָס איז מיין לעצטע התראה. איך גיב איין אין סאָנד אריין.

יוסף שפער, ווארשא, ניעצאלא 12.

## א איבערקעהרעניש אינ'ם קלאַנג-פילם.

אין די ערשטע טעג פון חודש אפּריל האָט מען אָנגעהויבען אין טשענסטאָכאָוו איינצואָרדנען דעם קלאַנג־פילם, וועלכער האָט דערוועקט ענטוזיאַזם ביי דער דאָרטיגער בעפעלקערונג. דאָס איז איינס פון די ערשטע קלאַנג־קינאָס פון דער פוילישער פּראָווינץ. קלאַנג-פילמען האָבען ביז איצט נ׳שט געקאָנט אינסטאַלירט ווערען אין קליינע פּראָווינציאַנעלע שטעדט צוליב די גרויסע קאָמפּליצירטע אַפּאַראַטור־קאָסטען. איצט א דאַנק די לעצטע אויסבעסערונג אויף דעם געביט האָט זיך איינגעגעבען צו ערצילען א בעדייטענדע עקאָנאָמיע אזוי, אז איצט איז דאָ די האָפנונג, דאָס דער קלאַנג - פילם וועט קענען אנגעווענדעט ווערען זאָגאר אין די קלענסטע קינאָ׳ס אין פוילען.

די אַפּאַראַטור, וואָס דאָס קינאָ „נאָוואָטשטשי" אין טשענסטאָכאָוו האָט איינגעאָרדענט איז פון טיפּ „בראָנסאָיל 1930" און בעשטייט פון די דראַגינאָמעטער בראַורינג און מיט דינאַשניקעס און פערשטאַרקונג פון דער בעוואוסטער פירמא „פיליפּס". ווי מ׳קאָמוניקירט אונז, זענען די אַקוסטיק אַפּאַראַטען ארויס אן פאַרהאָוף ווייל פיליפּס גלאַשניקעס געבען אַרויס דעם מוזיק אין רעדנער - קלאַנג אין א ריכטיגער פאָרם.

Bekanntes Unternehmen der Nahrungs-mittelbranche sucht eingeführten seriösen Vertreter für Radom und Ungebung oder Engrosfirma, die den Alleinverkauf übernehmen will, Bewerbungen mit Referenzen an „D E V E R A" Anoncenexpedition Gdańsk, Unter Nr. 194.

### דאַנקזאַגונג.

דערמיט דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען דאַנק
דעם ה׳ יוסף ראָזענבוים און פרוי
פאַרן איבערגעבען אין אונזער רשות די ביכער פון פאַר׳מלחמה׳דיגען
סוביעקטען-פערריין און געזעלשאַפט „הזמיר" אין ראַדאָם.
לייטונג פון דער ביבליאָטעק א. נ. פון יצחק גרינבוים
ביי דער ציוניסטישער אָרג. אין ראַדאָם.

מיר דריקן אויס א הארציקן דאַנק דער פריילין יאָטע, פאַר איר אויסגעצייכענטן אנטייל מיט מוזיקאַלישע נומערן אויף דער י. ל. פּרץ אקאַדעמיע, וועלכע מיר האָבן איינגעאָרדנט אין קינאָ „קאָרסאָ" שבת דעם 12 ד. מ.

ראַדאָם. **פּועלי-ציוני-פראַקציע.**

### וויכטיג פאַר דאַמען.

צום אָנקומענדען פריהלינגס-סעזאָהן איז געבראַכט געוואָרען
די העררליכסטע **קליידער** און אנדערע **דאַמען-גאַרדעראָב**
פון דער בעריהמטער וואַרשאָווער פירמע W. Woronicz
קומט און איבערצייגט אייך
Firma **H. LEWICKA**
Radom, Żeromskiego 33.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס צוליעב דעם טויט פון
### לייביש לעדערהענדלער
זאָלען זיינע קינדער מעהר נישט וויסען פון קיין צער.
**מענדיל קופּפּער בלום.**

**WYDAWAĆ
OSZCZĘDNIE**
**winno być hasłem
każdego obywatela**
**WAŻNA NOWINA
DLA
WSZYSTKICH**
CENA
TABLICZKI NAJLEPSZEJ CZEKOLADY
G. C. L A R D E L L I
DESEROWEJ, MLECZNEJ, ORZECHOWEJ,
WAGI NETTO
100 GRAM.
WYNOSI
TYLKO
JEDEN ZŁOTY




Jen. Przedst.: **D/H R. Wertheim, Warszawa,** Królewska 18.

### פון דער געזעלשאַפט „מנחמי אבלים".

פערגאַנגענעם מיטוואָך איז אויף די היגע גאַסען פאָרגעקומען א צייכען-פערקויף לטובת דער געזעלשאַפט מנחמי - אבלים. די געזעלשאַפט דריקט אויס איהר טיפסטען דאַנק די פאָרלעך: פרייליינס **קירשענבוים מאַטיל, קאַרמאַן, ווערבער, ראַזסקי ערליך, סאַדקאָווסקע** פאַר זייער אינטענסיווער ארבייט לטובת דער געזעלשאַפט, און פערהאָפט דאָס אויך ווייטער וועלען זיי אויך אונטערשטיצען די א. ד. געזעלשאַפט. איינצייטיג ווערט געמאָלדען, אז עס איז בענייט געוואָרען דאָס מיטגליד׳ס-אָבצאָהל לטובת דער געזעלשאַפט און מיר בעטען דאָס אלע ווי איינער זאָלען אָבצאָהלען דעם מיטגליד׳ס-אָבצאָהל רעגולער לטובת דער געזעלשאַפט. ס׳איז צו פערהאָפען דאָס די ראַדאָמער אידישער בעפעלקערונג וועט זיך הייס אָנרופען אויף די א. ד. ווענדונג און וועלען ווי געהעריג אונטערשטיצען די א. ד. געזעלשאַפט.







*Kino „ŚWIT" Teatr*
Dziś i dni następnych
Pierwszy w Radomiu najlepszy aparat dźwiękowy marki „WESTERN ELECTRIC"
w programie MAURICE CHEVALIER
jako Pieśniarz Paryża

*Kino CORSO Teatr*
Dziś i dni następnych
Najnowczy polski fillm lotniczy
„Gwiaździsta Eskadra"
reż. BUCZKOWSKIEGO
— w rolach głównych —
Baśka Orwid, Jana Krysta i inn.

*Kino ODEON Teatr*
Od czwartku dn. 24 Kwietnia
WIELKI PROGRAM
Najwspanialszy film świata p. t.
ZAGŁADA OD WSCHODU
w rolach głównych:
najpiękniejsza kobieta świata **Benita Hume**
i męski **Jahmeson Thomas.**

*Kino NOWE CZARY Teatr*
Dziś i dni następnych
Przepiękny film
Dzwiękowo-mówiony
KOBIETY NIE DO MAŁŻEŃSTWA
NAD PROGRAM
Doskonałe nowe dodatki dźwiękowe.

**Felczer H. GRINSZTAJN Radom, Lubelska 30.**

Redaktor Ch. M. Herc

Drukarnia Wyd. „Radomer-Kielcer Leben" Radom, Sawarlikowska 20.